**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול מעלדט אויס אפמאך צו אפהיטן צוגענגליכקייט ביי אינוואוד טאַוער אין מאנהעטען**

***סטעיט האָוזינג פלאן האט באשיצט איבער 22,000 מיטשעל-לאמא וואוינונגען***

***אינוואוד טאַוער וועט געהאלטן ווערן צוגענגליך פאר 190 הויזגעזינדער ביז נאך 2052, גרויסע קאפיטאל אפגרעידס וועלן פארבעסערן זיכערהייט און ענערגיע-שפארעוודיגקייט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אן אפמאך צו אפהיטן צוגענגליכקייט דורכאויס די קומענדע 30 יאר פאר 190 הויזגעזינדער ביי אינוואוד טאַוער, א מיטשעל-לאמא קאאפעראטיווע דעוועלאפמענט אין דעם וואשינגטאן הייטס געגנט פון מאנהעטען. אלס טייל פון דעם אפמאך וועט ׳ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ צושטעלן א 7.6 מיליאן דאלערדיגע סאָבסידי הלוואה וואס וועט ערמעגליכן פאר דער קאאפעראטיוו אונטערצונעמען קריטיש-וויכטיגע קאפיטאל פארריכטונגען. מיט דער היינטיגער מעלדונג האט דער סטעיט יעצט געהאלטן איבער 22,000 מיטשעל-לאמא דירות צוגענגליך פאר נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער אלס טייל פון איר פינף-יעריגער האָוזינג פלאן.

״אזוי ווי ניו יארק סטעיט נעמט שריטן צו באקעמפן דעם האָוזינג קריזיס אויף די שפירן פון דער פאנדעמיע, טוט דער אפמאך באשיצן קריטיש-וויכטיגע שטיצע פאר א צוגענגליכע האָוזינג קאמיוניטי אין א געגנט וואס האלט אין איין שטייגן אין אומצוגענגליכקייט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ניו יארק וועט ווייטער אפהיטן און אפגרעיד׳ען צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענטס לענגאויס דעם סטעיט אויף צו פארזיכערן אז זיי בלייבן א זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג מיטל פאר דעם קומענדיגן דור פון ניו יארקער.״

אינוואוד טאַוער איז א סטעיט-אויפגעזעענע מיטשעל-לאמא האָוזינג קאאפעראטיוו געבויט אין 1963 צו באזארגן צוגענגליכע היים-פארמאגערשאפט געלעגנהייטן צו נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער. אלס טייל פון דעם אפמאך האט אינוואוד טאַוער אינק. פארשפראכן צו בלייבן אין דעם מיטשעל-לאמא פראגראם אויף לכל הפחות 30 יאר.

אין צוגאב צו אפהיטן אינוואוד טאַווער׳ס 190 צוגענגליכע היימען ביז אריין אין 2052, וועט דער אפמאך אויספלאסטערן דעם וועג פאר קריטיש-וויכטיגע קאפיטאל פארבעסערונגען. דער פארנעם פון פארבעסערונגען וועט ארייננעמען עלעוועיטער פארריכטונגען, דאך ערזעצונגען, גאז ליניע פארריכטונגען, ערזעצונג פון בוילערס און פארבינדענע פייפס, ראדיאטאר ערזעצונג און געביידע-פאדערזייט און ציגל איבער-פוצן. די פארריכטונגען רעכענען אויך אריין עטליכע ענערגיע-שפארעוודיגע מאסנאמען וועלכס וועט רעדוצירן ענערגיע קאסטן פאר׳ן קאאפעראטיוו.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך מיט דעם אפמאך אפצוהיטן אינוואוד טאַווער׳ס 190 דירות אלס צוגענגליכע היים-פארמאגערשאפט געלעגנהייטן, און גלייכצייטיג אויך אפגרעיד׳ען די געביידע׳ס פארעלטערטע סיסטעמען און פארבעסערן ענערגיע-שפארעוודיגקייט. דער סטעיט׳ס מיטשעל-לאמא פראגראם איז געאייגנט צו העלפן נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער באזיצן אדער דינגען א הויכע-קוואליטעט היים אין זייער אויסגעקליבענער געגנט. מיט איבער 22,000 רענט און קאאפעראטיוו מיטשעל-לאמא היימען אפגעהיטן איבער די פארלאפענע פינף יאר האבן מיר פארלענגערט דעם פראגראם׳ס פארשפרעכונג צו טויזנטער יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער לענגאויס דעם סטעיט און געהאלפן האלטן ניו יארק׳ס קאמיוניטיס צוטריטליך פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס און עלטערע מענטשן.״

**אינוואוד טאַווער קאאפעראטיוו באָורד פרעזידענט איילין קינג האט געזאגט,** ״די קאאפעראטארן פון אינוואוד טאַווער אנערקענען אז דורכאויס דעם מיטשעל-לאמא פראגראם געניסן מיר פון יושר׳דיגע האָוזינג וועלכס איז אינטעגרירט און פארשידנארטיג. מיט דער הלוואה, קען אינוואוד טאַווער אדרעסירן גרויסע קאפיטאל פארריכטונגען נויטיג פאר אונזער 60-יעריג אלטע געביידע און אויספאלגן מיט נייע ענווייראנמענטאלע פאדערונגען און נאך אלץ אנהאלטן צוגענגליכקייט פאר צענדליגע יארן אין דער צוקונפט. ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ זעצט פאר ווייטער די אנטשלאסנקייט פון מיטשעל-לאמא האָוזינג צו רעדוצירן די רענט עול אויף פאמיליעס כדי אז זיי ניצן נישט די מערהייט פון זייער איינקונפט פאר האָוזינג קאסטן.״

**סענאטאר ראבערט דזשעקסאן האט געזאגט,** ״אין א שטייגנדע האָוזינג מארקעט, וועט עס גאנץ קנאפ העלפן צו פאדערן צוגענגליכע היימען אן דאס צושטעלן אויך א מיטל צו פארזיכערן אז די דירות בלייבן צוגענגליך אין לויף פון די יארן. און היינט, א דאנק דער אפמאך אפצוהיטן צוגענגליכקייט, וועלן 190 הויזגעזינדער בלייבן צוגענגליך ביי דעם אינוואוד טאַווער ביי דעם מיטשעל-לאמא קאאפעראטיוו דעוועלאפמענט אין לויף פון די קומענדע 30 יאר. דורך אפהיטן עקזיסטירנדע צוגענגליכע האָוזינג האלטן מיר אפ ערזעצונגען, און האט אן אנגייענדע פאזיטיווע ווירקונג אויף דורות פאמיליעס אלס היים אייגנטימער אין דעם וואשינגטאן הייטס געגנט.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעני דע לאס סאנטאס האט געזאגט,** ״דער מאנגל פון צוגענגליכע האָוזינג איז א קריזיס וואס ווערט אונז קעגנגעשטעלט יעדן טאג אין אונזער קאמיוניטי. איך אפלאדיר די באמיאונגען דורך גאווערנער האוקול אפצוהיטן אינוואוד טאַווער אינערהאלב די מיטשעל-לאמא פראגראם און מאכן קריטיש-וויכטיגע פארריכטונגען כדי אז אונזערע שכנים קענען פארבלייבן אין זייערע היימען פאר פילע יארן אין דער צוקונפט. איך קוק ארויס פארצוזעצן מיין ארבעט מיט גאווערנער האוקול צו פארברייטערן מיטשעל-לאמא געלעגנהייטן פאר איינוואוינער אין דעם 72׳סטן אסעמבלי דיסטריקט.״

**מאנהעטען בארא פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** ״יעדע מיטשעל-לאמא יוניט וואס ווערט אפגעהיטן איז א געווינס פאר דינגער און איז א פארשריט אין דעם קאמף פאר צוגענגליכע האָוזינג. צוגענגליכע האָוזינג זאל נישט קומען מיט א פרייז פון א געביידע׳ס פארנאכלעסונג, און דער סטעיט׳ס הלוואה צו אינוואוד טאַווער פארזיכערט אז דער געביידע דארף נישט פארלאזן דעם מיטשעל-לאמא סטרוקטור כדי אז טענאנטן האבן פארבעסערטע עלעוועיטערס און יוטיליטיס. דאס איז א גלענצנדע ביישפיל פון וויאזוי דער סטעיט׳ס פינף-יעריגע האָוזינג פלאן קען העלפן אויסהאלטן די שטאט׳ס האָוזינג לאגער פאר צענדליגע יארן אין דער צוקונפט.״

**סיטי קאונסיל מיטגליד קארמען דע לא ראסע האט געזאגט,** ״אינוואוד איז א צענטער פון קולטור, קאמיוניטי, און רייכע היסטאריע. מיר מוזן בלייבן וואכזאם און ארבעטן אפצוהיטן און באשיצן אונזערע נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע איינוואוינער פון ערזעצט ווערן. דער פלאן וועט פארזיכערן אז

קריטיש-וויכטיגע פארבעסערונגען ווערן געמאכט בשעת׳ן אפהיטן די טענאנטן וועלכע האבן געמאכט אינוואוד טאַווערס זייערע היימען.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן